Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

כח.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## כח.

קיינמאָל האָט מיין פאַנטאַזיע אַזוי שווער נישט געאַרבעט, ווי אין יענער צייט, ווען ווען וועלכער איך דערציילן. גאַנצע שעהן פלעגן ביי מיר דורכגיין אין פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען, אליין נישט פילנדיק דאָס. ס׳איז נישט געווען קיין שום מעג-לעכקייט, איך זאָל כאָטש עפעס פאַרמאָגן אין דער ווירקלעכ-קייט, דעריבער האָב איך ליב געהאַט מיך צו מאָלן אין אַן אַנדער געשטאַלט און אין אַן אַנדערע לאַגע. איך, ירמיה פייער-מאַן, בין אַן אַנדערער, לגמרי אַן אַנדערער. אַבסאָלוט אַן אַנדערער. איך און זי פאָרן אין דער שווייץ אַריין... מיר פאָרן ביידע... זי ווירקט אַן אָפּפרישונג-טוי אויף מיינע איינ-געדרימלטע כוחות און איך באַרייכער איר לעבן מיט מיין גייסט!...

איינמאָל האָב איך זי באַגעגנט אין גאַס. זי איז גע-גאַנגען אויף איין זייט און איך אויף דער אַנדערזייט — האָב איך געפונען פאַר נויטיק זיך צו מאכן, אז איך זע זי נישט. אז זי איז שוין פאַרבייגעגאַנגען האָט מיך שטאַרק געצויגן צו זען, כאָטש אויף איין מינוט, איר פריזור, איר צאָפּ, איר פיגור, איר גאַנג, דעם קאָליר פון איר מאַנטל, איר הוט. אָבער איך האָב נישט געקענט, איך האָב געציטערט. איך האָב מורא געהאַט... און ערשט ווען זי איז שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן האָב איך אומגעקערט דעם קאָפּ און איך בין געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע אויף מיין אָרט, זיך איינקוקנדיק אויף דעם וועג, ווו זי איז דורכגעגאַנגען...

און אין יענעם אָוונט, נאָך האַלבער נאַכט, בין איך געזעסן אויף מיין געלעגער, אויף דער קאַנאַפּע, נאָענט צ ם

טיש, אַ לאַנגע-לאַנגע צייט אָן קיין שום ארבעט, ביז איך בין, צומלעצט, אריינגעפאלן אין אן אנדער וועלט. דורכן דרימל-וואָלקן איז ביי מיר, אמת, געווען א מין באוואוסטזיין, אז אָיך זיץ ביי מיינע עלטערן אין הויז, אבער צוזאמען דערמיט בין איך געפאָרן אין עפעס א וועג... דער צוג רוישט, שטורמט, ער פאָרט דורך ימען און טייכן, בערג און טאָלן — און איך בין אין צוג... דער וואגאן איז פול מיט מענטשן: מיין טאטע, בערעלע, מיין קלענערער ברודער, עובדיה, קליינשטיין. און אָט איז די סטאציע. א קעלט רייסט זיך אריין פון ערגעץ. אלע גייען אראפ. דער וואגאָן ווערט ליידיק. דאס אראפגיין דויערט. עפעס א זאך פארהאלט. „אוי, בטלן! — שרייט אויף מיר מיין טאטע — „פאטראן"!.. פארוואס גייסטו נישט אראפ? גיי אראפ! זע צו געפעלן אין די אויגן פון כלות!" — טאקע בזה הלשון... און איך ענטפער מיט שטאלץ: „נישט פון דער וועלט!.. אין אט דעם דייטשלאנד, יואוהין איך פאָר איצט מיט איר, איז פאראן פרידריך ניטשע, האט ער גראָבע וואנסעס, און בורסיף האט אויך אזעלכע וואנסעס!" — אין אין א מינוט ארום גייט אוועק דער צוג, און איך בלייב אויפן וואקזאל, איך צעגיי פון צער, ביז די אויגן ווערן מיר פאר-שטיינערט און וויינען קען איך נישט, און איך גריוס מיך מיט דעם באוווסטזיין, אז איך וויין נישט... ערשט אט א געוויין... דאס איז דער קול פון מיין מאמען, וועלכע זיצט אין ווינקל און פליקט פעדערן... די פינצטערניש ווערט געדיכטער.. אלץ דרייט זיך איבער... פוסט און וויסט... דער קאנדוקטאר פרעגט מיך אויף מיין בילעט... „קאנדוקטאר! — שרייט ר׳ חנן-נתן — עובדיה! מ׳טאר נישט פארן אן א בילעט. ס׳א גרויסע עבירה!".. וואונדערלעך! דער קאנדוקטאר איז האלב רב און האלב בורסיף.. „אוי, אוי — קרעכץ איך פון מיינע שטארקע ווייטיקן — מיינע פיס זענען אריין אין א קלעם... געפענטעט אין קייטן... אוי, וואס איז עס געשען מיט מיר? ווער שלעפט מיך עס?" ...„פאר אליין!" באפעלט מיר א יינגל, א וועג-היטער, וואס האלט א גרין פענדל אין האנט. „דיין נאז שטערט"... איך

כאפ אים אָן... אוי, ס'איז דאך זי... וואס פארא געשעפטן האב איך מיט דיר?..

— דיין בילעט! — שרייט בורסיף און שלאגט מ'ך איבערן קאפ.

איך פּרוו מיך אויפהויבן אים זיך אנטקעגנשטעלן און איך זינק אין אן אפגרונט אריין...

און מיין אביסל דערהויבענער קאפ פאלט נאכאמאל אראפ אויפן טיש.

---